היינט 8 זייטען — נאר 10 גראשען

№ 179 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 10 גראשען Lodzer Tageblat

# לאָדזער טאַגעבלאַט

היינט 8 זייטען

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16.
טעלעפאָנען פון: רעדאקציע 10057, פון אַדמיניסטראַציע 10047.

זונטאָג, ט' מנחם-אב פ' ואתחנן תר"צ || 3 sierpnia 1930 r. || 23-טער יאהרגאַנג

# איבעראשענדע נייעס

## פאר די לעזער פון „לאדזער טאגעבלאט"

וועלענדיג אויך אין דער איצטיגער שווערער צייט צוגענגליך מאכען דאס „לאדזער טאגעבלאט" פאר די ברייטסטע שיכטען פון דער לאדזער יודישער בעפעלקערונג, האבען מיר בעשלאסען פון היינט אן

## צו פערקלענערן אויף א העלפט דעם פרייז

פון אונזער צייטונג. אנ'איינצעל-נומער „לאדזער טאגעבלאט" וועט, אלזא, פון איצט אן קאסטען אין גאסען-פערקויף

# בלויז 10 גראשען

נית קוקענדיג אויף דעם אזוי אונגעוועהנליך בילינען פרייז, וועט דאס „לאדזער טאגעבלאט" ווייטער, ווי ביז אהער, ערשיינען לכל הפחות אין

# 6 גרויסע זייטען טעגליך

ביי דער מיטארבייט פון די אנגעזעהענסטע און בעסטע פובליציסטישע און ליטערארישע כוחות מיט די בעסטע און פרישעסטע ידיעות פון די וויכטיגסטע טעלעגראפישע אגענטורען און פון אונזערע ספעציעלע קארעספאנדענטען.

### פאַרוואס טוען מיר דאס?

שוין איינינע יאָהר, ווי לאָדז קאָרטשעט זיך אין די קראַמפּען פון ווירטשאַפטליכען קריזיס. אָבער אין לעצטען יאָהר איז דער וואוילשטאַנד פון דער לאָדזער בעפעלקערונג גאָר שטאַרק צוריקגעגאַנגען. אַמאָליגע גבירים זענען געוואָרען קבצנים, אַ סך יודען האָבען פערלוירען אַלץ, וואָס זיי האָבען דורך יאָהרענלאַנגער שווערער אַרבייט זיך ערוואָרבען; טויזענדער און אָבער טויזענדער לעבען פון טאָג אויף טאָג, פון האַנד אין מויל — און, וואָס עס איז דאָס טרויעריגסטע, עס איז נישטאָ קיין קלאָרע אויסזיכטען אויפ'ן מאָרגענדיגען טאָג.

ביי אַזעלכע בעדינגונגען איז אפילו דעם אויפריכטיגסטען צייטונגס-לעזער געוואָרען צו טייער אויסצוגעבען 25 גר. צי זאָגאָר 20, אָדער נאָר 15 גר. טעגליך אויף אַ בלאַט.

אַלס צייטונג, וואָס לעבט מיט'ן לאָדזער לעבען, וואָס קאָן און פערשטעהט בעסער פון אַלע אַנדערע דעם מצב פון לאָדזער יוד,—

אַלס צייטונג, וואָס שטעהט העכער 22 יאָהר אויף דער וואַך פון די בעדערפעגישען און הצטרכות'ן פון דער לאָדזער יוד. בעפעלקערונג,— האָבען מיר עס געהאַלטען פאַר אונזער יודיש-בירגערליכען חוב אויך אין דעם פּרט נאָכצוקומען דעם וואונש פון יוד. צייטונגס-לעזער אין לאָדז און אויף דער פּראָווינץ און מאַכען דעם פרייז פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" ווירקליך צוגענגליך פאַר יעדען אויך אין דער איצטיגער צייט, אַלזאָ, פאַר 10 גר.

### צי האט איהר זיך פערטראַכט?

מיר האָבען זיך ענטשלאָסען אויף אַ גרויסער אָנשטרענגונג און מיר האָפען, אַז אָט די אָנשטרענגונג אונזערע וועט דורך אייך, יודישע לעזער, ריכטיג אָפּגעשאַצט און פערשטאַנען ווערען.

איהר, וואָס איהר לייענט יעדען טאָג אַ צייטונג, האָט איהר זיך פערטראַכט, וואָס איהר זוכט אין דער צייטונג?

איהר קויפט אַ צייטונג, ווייל איהר ווילט וויסען, וואָס עס טוט זיך אין אייער שטאָט, איהר ווילט וויסען, וואָס עס הערט זיך נייעס אין דער וועלט פון האַנדעל און אינדוסטריע, אין די וואַרשטאַטען פון האַנד-ווערק און אַרבייט.—

איהר קויפט אַ צייטונג, צו וויסען, וואָס עס פערלויפט זיך אין דער פּאָליטיק און אין דער יודישער וועלט בכלל.

איהר ווילט לייענען אַנ'אַרטיקעל, וואָס זאָל אייך העלפען פונאַנ-דערקלויבען אין די פערפלאָנטערטע פּאַסירונגען פון דער פּאָליטיק און אייך ווייזען דעם זייגער פון דער ווירטשאַפטליכער קאָניונקטור—

איהר ווילט די צייטונג זאָל זיין אייער צייטונג, זאָל לעבען מיט אייערע ליידען און פריידען און בעטראַכטען אַלץ פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אייערע אינטערעסען—

דאָס איז נויטיג אין אייער טאָג-טעגליכען לעבען, דאָס איז וויכטיג צו אייער געשעפט, צו אייער בעשעפטיגונג.

### וואס איז דערפון געדרונגען?

פאַרהאַן צייטונגען, וואָס זענען נישט אויסען אייערע אינטערעסען און בעדערפעגישען, זיי זענען אויסען זייערע אינטערעסען, אויפ'ן בעסטען פאַל די אינטערעסען פון דער שטאָדט, וואו זיי געהען אַרויס.

איהר, לאָדזער, וואָס קענט זיך איצט נישט ערלויבען קויפען עט-ליכע צייטונגען, נאָר מוזט, צוליב'ן קריזיס, בעגנוגען זיך מיט איינער, זייט איבערקלויבעריש, בעקלערט זיך גוט, וואָס פאַר אַ צייטונג איהר בעדאַרפט אַמנויטיגסטען.

קויפט נישט אַבי וועלכע צייטונג.

קויפט אייער צייטונג, אייער יודישע לאָדזער צייטונג.

אייער צייטונג, דערפאַר, ווייל זי ענטשפּרעכט אייערע גינסטיגע און ווירטשאַפטליכע בעדערפעגישען און אייערע קויף-מעגליכ-קייטען.

אַזאַ צייטונג איז דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט"!

זאָגט אויך אָן אייערע פריינד, זיי זאָלען קויפען-נישט נאָר דורכ-לייענען-דאָס „לאָדזער טאַגעבלאַט" —

# די בעסטע, די גרעסטע, די ביליגסטע יודישע צייטונג

# פאר 10 גראשען

פערלאג

„לאדזער טאגעבלאט"

